געקליבענע געדאנקען אויף די פרשה

# פון פלאצקער גאון

הגאון רבי ארי' לייב צינץ זי"ע

## אויף אידיש

פרשת נצבים וילך
תשפ"ו
גליון ר"ט
שנה ה'

### ביי א יחיד זאגט נישט דער רבש"ע די קללות כדי צו בארוהיגן זיין כעס

**והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך... לא יאבה ה' סלח לו כי אז יעשן אף ה' וקנאתו באיש ההוא ורבצה בו כל האלה הכתובה בספר הזה...** (כט, יח-יט)

לכאורה איז משמע פון די לשון הפסוק, אז דאס הערן די קללות און די שווערע עונשים, אט דאס וועט אים צוברענגען זיך צו בארוהיגן און צו זאגן שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך, דארף מען פארשטיין, וויאזוי קען זיין אז דווקא די קללות זאל אים צוברענגען צו א רוהיגקייט?

קען מען זאגן, לויט ווי עס ווערט געברענגט (עיין זוהר חדש פר' כי תבא, ועיין באלשיך פר' נח) אז די אלע קללות וואס שטייען געשריבן אין די תורה מיט אזעלכע שארפע און מוגזם'דיגע לשונות, איז אזוי ווי א טאטע וואס ווארנט אן זיין קינד אז טאמער ער וועט זיך נישט פירן ריכטיג וועט ער אים באשטראפן מיט גאר שארפע עונשים, כדי אז ער זאל מורא האבן און זיך יא אויפפירן ווי עס דארף צו זיין, אבער אויב למעשה זעהט ער אז זיין זון פאלגט אים נישט און ער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, האט ער רחמנות אויף אים, און ער גייט אים נישט באמת מעניש זיין אזוי שארף ווי ער האט אים געווארנט, ווייל דאס וואס ער האט אים געווארנט אזוי שארף, האט אים שוין געהאלפן צו ארויס געבן זיין כעס, און אזוי קען ער זיך שוין איינהאלטן נישט עס צו ארויס געבן אויף זיין זון, און אזוי אויך איז כביכול מיט דעם רבש"ע, אז אוודאי באשטראפט ער אונז נישט מיט די אלע הגזמות פון די תוכחה, נאר מיט'ן ווארענען אזוי שארף געבט ער שוין כביכול אויס זיין כעס אז למעשה זאל ער אונז נישט שטראפן אזוי געפערליך.

און מיט דעם טייטשט מען די לשון הפסוק וואס שטייט נאך דעם חטא העגל (שמות לב, יד) "וינחם ה' על הרעה אשר דיבר לעשות לעמו", אז דער אויבערשטער האט כביכול צוריק געצויגן פון דעם עונש, פארוואס? "אשר דבר לעשות לעמו" ווייל ער האט שוין בארואיגט זיין צארן מיט'ן זאגן די שארפע רייד און ממילא האט ער עס למעשה נישט געטון.

קען זיין, אז דאס איז פשט דא אין פסוק, אז אויב "והיה בשמעו את דברי האלה הזאת" ווען דער מענטש וועט הערן די שארפע תוכחה וואס שטייט דא, "והתברך בלבבו לאמר" וועט ער זיך מיט דעם אליין בארואיגן צו זאגן "שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך" אז למעשה וועט מיר נישט געשען די אלע שרעקליכע זאכן, ווייל מיטן עצם זאגן די ווערטער האט שוין דער רבש"ע כביכול ארויסגעגעבן זיין כעס און ער האט זיך בארואיגט מיט דעם.

זאגט דער פסוק ווייטער אז דאס איז נישט ריכטיג, ווייל בשלמא ווען עס רעדט זיך פון גאנץ כלל ישראל אזויווי ביים חטא העגל שוינט זיי דער אויבערשטער און ער רעדט מיט אזעלכע הגזמות כדי צו בארואיגן זיין כעס אז ער זאל זיי נישט דארפן אזוי הארב באשטראפן, אבער פאר אן איינצעלנעם יחיד **לא יאבה ה' סלוח "לו"** וועט דער אויבערשטער נישט וועלן אפשוינען, **כי אז יעשן אף ה' וקנאתו "באיש ההוא" ורבצה "בו" כל האלה** ווייל ביי א יחיד איז אנדערש, און ממילא זאל ער זיך נישט איינרעדן אז די הגזמות איז נאר געמאכט צו בארואיגן די כעס און עס וועט אים נישט פאסירן קיין שלעכטס אויב ער וועט נישט תשובה טון.

**'קומץ המנחה' פרשת ראה דרוש כא אות כט-ל**

### די עצם גלות איז נישט קיין ראיה אז עס איז דא א טענת מודעה רבה לאורייתא, ווייל דער רבש"ע געפינט זיך צווישן די אידן אפילו אין גלות

**והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה... והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה' אלקיך שמה...** (ל, א)

די גמרא זאגט (שבת פח.) אז ביי קבלת תורה האט דער אויבערשטער אויפגעהויבן דעם בארג סיני איבער די אידן און זיי געזאגט: זענט עטס מקבל די תורה איז גוט און אז נישט וועט עטס דא באגראבן ווערן. זאגט רב אחא בר יעקב, מכאן מודעה רבה לאורייתא, אז פון דא האט מען א גוטן תירוץ און מליצה ישרה כלפי שמיא, ווייל מען קען זאגן אז מען האט נישט מקבל געווען די תורה ברצון און בלבב שלם, און במילא איז מען נישט מחוייב צו מקיים זיין די מצוות, זאגט אבער רבא אז אין די צייט פון מרדכי ואסתר האבן די אידן מקבל געווען די תורה ברצון צוליב די גרויסע נס וואס איז זיי דעמאלטס געשען.

פרעגט דער רשב"א, אז לויט דעם איז שווער, פארוואס זענען די אידן געגאנגען אין גלות ביי די בית ראשון פארן נישט מקיים זיין די מצוות, לכאורה האבן זיי דאך געהאט א גוטן תירוץ אז די קבלת התורה איז געווען באונס, ווייל דאן איז דאך געווען נאך פאר די נס פון פורים? זאגט דער רשב"א, אז די תירוץ פון די מודעה רבה העלפט נישט אין ארץ ישראל, ווייל אויף דעם איז דא א בפירוש'ע תנאי אז מען באקומט ארץ ישראל נאר כדי צו היטן די תורה און מצוות ווי אין פסוק שטייט (תהלים קה, מד-מה) "ויתן להם ארצות גוים... בעבור ישמרו חקיו", אבער אין גלות, איז יא געווען שייך די טענה

זכות פרנס החודש נתנדב ע"י הרבני הנכבד
הר"ר שלמה יוסף באש הי"ו

# די הייליגע צוואה

**ומי שישתדל בהדפסתן**
**יהי' לו המחבר למליץ**
**אם יהי' לו זכות**




פון מודעה רבה לאורייתא.

מען קען אבער זאגן, אז אין יעדנפאל איז די תירוץ נישט קיין תירוץ, ווייל תוס' פרעגט דאך שוין דארט אויפן פלאץ, ווי קען מען זאגן אז עס איז געווען בכפייה, עס שטייט דאך קלאר אין פסוק אז די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע?, נאר מען מוז זאגן, אז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט כופה געווען די בארג איז געווען, לויט ווי דער מהרש"א זאגט (ח"א כתובות ז:) אז קבלת התורה איז געווען ווי א חתונה, און דער אויבערשטער האט געמאכט אז קבלת התורה זאל זיין **געצווינגענערהייט**, כדי אז כלל ישראל זאלן האבן א דין פון אן **אנוסה** וואס דער פסוק זאגט (דברים כב, כט) "ולו תהיה לאשה לא יוכל שלחה כל ימיו", און דער רבש"ע האט געוואלט זיך צובערענגען, אז ער זאל זיי קיינמאל נישט קענען אוועקשיקן פון אים, אבער באמת האבן זיי יא מקבל געווען די תורה ברצון, און עס איז נישט שייך קיין טענה פון א מודעה רבה לאורייתא.

אבער לכאורה איז שווער אויף די תירוץ פון דעם מהרש"א אז די כפיית ההר איז געווען כדי אז זיי זאלן האבן א דין אנוסה, ווייל למעשה זעט מען דאך אז נאך וואס זיי האבן געזינדיגט האט זיי דער רבש"ע יא געשיקט אין גלות, און אז דער באשעפער האט זיי געקענט משלח זיין, האבן זיי זיכער נישט געהאט קיין דין אנוסה, און די כפיית ההר איז יא געווען כדי זיי צו צווינגען צו מקבל זיין די תורה, און אויב אזוי איז יא דא א טענת מודעה רבה לאורייתא, און מען וועט ווייטער מוזן זאגן די תירוץ פון דעם רשב"א, אז זיי זענען געגאנגען אין גלות ווייל אין ארץ ישראל זענען זיי יא געווען מחוייב צו האלטן די תורה צוליב די נחלת הארץ, אבער אין גלות איז צוריק געווען שייך די טענה פון מודעה רבה לאורייתא.

אבער באמת איז די טענה נישט קייו טענה, ווייל באמת האט דער אויבערשטער קיינמאל נישט פארלאזט כלל ישראל, און אפילו ווען זיי זענען געגאנגען אין גלות, איז די שכינה כביכול מיטגעגאנגען מיט זיי, און ער געפינט זיך מיט זיי אפילו אין די עומק הגלות, און במילא קען מען יא זאגן אז די כפיית ההר איז געווען כדי אז די אידן זאלן האבן א דין אנוסה און דער רבש"ע זאל זיי קיינמאל נישט קענען פארלאזן, און דערפאר איז נישט שייך קיין טענת מודעה רבה.

קען זיין, אז דאס איז די כוונת הפסוק: "**והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה**" אז נאך וואס עס וועט קומען אויף דיר אלעס וואס עס שטייט אין די תוכחה, און דו וועסט פארטריבן ווערן אין גלות, וועט דאך אודאי דיין יצר הרע דיר אנהייבן איינצורעדן אז דו זעסט דאך אז דער אויבערשטער האט דיר פארשיקט, איז דאך דאס א סימן אז די כפיית ההר איז נישט געווען כדי ער זאל דיר נישט קענען פארשיקן, און אויב אזוי האסטו דאך א טענת מודעה רבה לאורייתא ווייל לויט דעם רשב"א, איז אין גלות יא שייך די טענה, און דו מוזט נישט היטן די תורה און מצוות, דערפאר זאגט די פסוק "**והשבות אל לבבך**" זאלסטו צוריק ענטפערן **פאר דיין יצר הרע** ביי דיר אין הארץ, אז ער איז נישט גערעכט, והא ראיה "**בכל הגוים אשר הדיחך ה' אלקיך שמה**" ווייל דער אויבערשטער איז ווייטער מיט דיר אפילו צווישן די פעלקער וואו ער האט דיר פארטריבן (כפירש"י כאן פסוק ג' ד"ה ושב), און אויב אזוי קען מען יא זאגן, אז די סיבה פון די כפיית ההר כגיגית איז געווען אז ער זאל אונז קיינמאל נישט קענען פארשיקן, און אויב אזוי איז די קבלת התורה יא געווען ברצון, און אפילו אויב מען איז אין גלות איז נישטא קיין תירוץ זיך ארויסצודרייען פון צו היטן די תורה.

*

און מיט דעם קען מען אויך פארשטיין דאס וואס די פסוק זאגט אין פרשת וילך (לא, יז-יח) "ואמר ביום ההוא הלא על כי אין אלקי בקרבי מצאוני הרעות האלה ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא על כל הרעה אשר עשה כי פנה אל אלהים אחרים", און לכאורה איז עס זייער שווער, ווייל פארוואס נאך וואס דער מענטש גייט נתעורר ווערן צו תשובה טוהן דארף ער באקומען א פרישע עונש?

אבער לויט ווי מיר זאגן יעצט, שטימט עס זייער גוט, ווייל דער מענטש וויל דא נישט תשובה טוהן, נאר ער זאגט: "**הלא על כי אין אלקי בקרבי**" און ער האלט אז דאס אראפגיין אין גלות ווייזט אז דער אויבערשטער **האט אים פארשיקט פון זיך**, און אויב אזוי קען נישט זיין אז די כפיית ההר איז געווען כדי צו באקומען א דין אנוסה אז דער אויבערשטער זאל אונז נישט קענען פארשיקן, און ממילא האט ער א גוטן תירוץ אז קבלת התורה איז געווען געצווינגערנערהייט און ער מוז נישט היטן די תורה און מצוות אין גלות, און פארדעם קומט זיך אים אן נייע עונש אז "**ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא**", פארוואס? "**כי פנה אל אלהים אחרים**" ווייל דאס איז נישט קיין חרטה, נאר א פריקת עול אז ער זאל זיך קענען ארויסדרייען פון צו היטן די תורה און מצוות מיט א טענה אז די קבלת התורה איז געווען בכפייה, ווייל ווען ער וואלט באמת געוואלט היטן די תורה וואלט ער געזאגט אז דער אויבערשטער איז יא מיט אים אפילו אין גלות און וועגן דעם איז געווען די כפיית ההר כגיגית.

**איר קענט שיקן קוויטלעך**
**צום ציון הק'**
**להפקד בדבר ישועה ורחמים**

פאראינטערעסירטע ביטע פארבינדט אייך צום מערכת

הגליון נתנדב ע"י

הרבני הנכבד
הר"ר **אברהם שמואל קעפעטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו החתן **שלום** נ"י למז"ט

זכות הפצת תורת רבינו זי"ע
יגן בעדו שהזיווג יעלה יפה ויזכה
לבנות בית נאמן בישראל


מנדב צו זיין א גליון לשבוע זוכה צו זיין להבטחת הצדיק, אדער אנטייל
צו נעמען אין די הוצאות, ביטע זיך ווענדן צו.
gilyonplotzk@gmail.com | plotzk.org | (929) 260-4868